א. אלמי

# מאמענטן פון א לעבן

## זכרונות, בילדער און עפּיזאָדן

★

אַרויסגעגעבן דורכן

צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס-איירעס, 1948

IMPRESO EN ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
A. Almi, New York

A. ALMI

# MOMENTN FUN A LEBN

(EPISODIOS DE UNA VIDA)

Buenos Aires, 1948

XX

# י. ל. פרץ

י. ל. פרץ האט געהאט א שם פאר א קאפריזנעם אין זיין באציאונג צו די, וואס זענען געקומען צו אים מיט כתבים. אויב די ערשטע שורה איז אים נישט געפעלן, האט ער שוין נישט געלאזט יענעם ווייטער לייענען. צירקולירן אלערליי מעשיות ווי ער האט ביי דעם און ביי יענעם, וואס איז שפעטער אויסגעוואקסן א גרויסער טאלאנט, זיך אפגענארט, אפגעזאגט יענעם דאס ליטעראַרישע לעבן, אויפן סמך פון איין שורה, אדער אן אויסדרוק, וואס איז אים נישט געפעלן. אויף וויפל די אלע מעשיות זענען אמת, איז שווער צו זאגן. אבער דער אמת איז, אז שטרענג איז ער געווען און א סך יונגעלייט, וואס האבן זיך ארומגעטראגן מיט פעקלעך כתבים און חלומות, האבן מורא געהאט צו אים צו גיין, כאטש געצויגן צו אים האט. נישט איינער האט זיך אומגעקערט פון פרצעס טיר, איידער ער האט א צי געטאן דאס גלעקל... דערפאר, אז מען איז צו פרעגן יא צוגעקומען און אויב פרץ האט זיך פאראינטערעסירט, דערזען א פונק, האט מען זיך צו אים צוגעבונדן מיט לייב און לעבן, אים ליב געקריגן. פרץ ווידער, אז ער האט אין עמיצנס טאלאנט געגלויבט, איז ער יענעם געווען ווי א געטרייער פאטער, זיך געזארגט פאר יענעם. געוואלט אפילו וויסן יענעמס פריוואטע ענינים, ארויסגעהאלפן מיט געלט

— פֿאַראויסדיקן האָנאָראַר — אויב ער האָט פֿאַרדעכטיקט, אַז יענער נייטיקט זיך.

מיינע חברים יהושע פּערלע, גדליה ווייסבאַרד און יוסף ראָזענפֿעלד האָבן באַוווּנדערט מיין קוראַזש, וואָס איך האָב זיך דערוועגט צו גיין צו פּרצן. איך האָב צו פּרצן באמת מזל געהאַט. באַלד דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך בין געקומען צו אים — אַ יינגל פֿון אַ יאָר 15 — באַוואָפֿנט מיט דריי לידער, האָט ער איינס פֿון די לידער אויסגעקליבן און עס אָפּגעדרוקט אין צווייטן באַנד פֿון זיינע זאַמלביכער „יידיש". שפּעטער, ווען ער האָט צונויפֿגעשטעלט דאָס זאַמלבוך „בוך און לעזער", האָט ער גענומען פֿון מיר דריי לידער — איינס אונטער אַן אַנדער נאָמען, ווי איך וועל דאָס דערציילן אין אַן אַנדער קאַפּיטל. דערביי האָט פּרץ זיך אַריינגעלאָזט מיט מיר אין אַ שמועס, ווי מיט זיינס גלייכן, מיך אויסגעפֿרעגט וועגן מיין פֿאַמיליע, געוואָלט וויסן וועגן מיין בילדונג, מיך געפֿרעגט, צי איך נייטיק זיך אין עפּעס. ער האָט מיר געעפֿנט זיינע ביכער־שראַנקען און מיר געזאָגט, אַז זיין ביבליאָטעק איז אָפֿן פֿאַר מיר.

אייגנטלעך בין איך צו פּרצן דאָס ערשטע מאָל געקומען נאָך מיט עטלעכע יאָר פֿריער — אין עלטער פֿון 11 יאָר, אָבער דאָס איז געווען אַזאַ קינדערישע שפּיל. איך און מיין חבר הערשל, וואָס האָבן זיך אַזוי פֿיל אָנגעהערט וועגן פּרצן און שוין געלייענט זיינע זאַכן, פֿלעגן זיך דרייען אַרום זיין הויז, אויף צעגלאַנע 1, וואַרטן, אַז ער זאָל אַרויסקומען, כדי צו כאַפּן אַ קוק אויף אים. איינמאָל האָב איך זיך אָנגענומען מיט כוח, אַרויף אויף די טרעפּ, צוגעגאַנגען צו דער טיר, אָבער זיך נישט געקענט באַשליסן אַ צי צו טאָן דאָס גלעקל. שטיי איך אַזוי, נישט אַהין, נישט אַהער. נאָר דאָ געשעט עפּעס.. די טיר גייט זיך אַן עפֿן און ס'באַווייזט זיך פּרץ אין הוט און פּעלערינע. אָפּציען איז שוין געווען צו שפּעט. פּרץ קוקט אויף מיר פֿאַרחידושט און פֿרעגט מיך — אויף פּויליש: וואָס ווילסטו, יינגעלע?

דאָס לשון איז ביי מיר אָפּגענומען. נאָר ענדלעך שטאַמל איך אַרויס: לי־ד־ע־ר. פּרץ צעשמייכלט זיך, רופֿט מיך אַריין און — לייענט מיינע לידער. דאָס זענען געווען פֿון יענע לידער, וואָס איך פֿלעג פֿאַרטראָגן ביי

אונדז אויפֿן הויף — אַקטועלע לידער, ווי מען וואָלט דאָס איצט גערופֿן, אָדער פּראָלעטאַרישע לידער, וואָרום אַלע זענען זיי אויף טאָג־טעמעס און וועגן דער מוראדיקער אָרימקייט אין די וואַרשעווער אַרבעטער־קוואַרטאַלן. פּרץ גיט מיר אַ קניפּ אין בעקל און הייסט מיך קומען אין עטלעכע יאָר אַרום. מיין באַזוך אין עלטער פֿון 15 יאָר איז אַזוי אַרום פּאַקטיש געווען מיין צווייטער וויזיט ביי פּרצן — האָט ער ראָך מיך אַליין געהייסן קומען... געוועגלעך פֿלעג איך זיך אַריינשטעלן צו פּרצן שבת אינדערפֿרי, אַרום 10. זומער פֿלעג איך אים אָפֿט טרעפֿן אין די גאַטקעס. אַזוי פֿלעגט ער זיצן ביי זיין שרייבטיש, פּאַרטיפֿט אין שרייבן, אָדער אין לייענען עפּעס. אין אַזאַ פֿאַל האָט ער מיר אַ וויז געטאָן מיט דער האַנט אויף אַ שטול, אַז איך זאָל זיך זעצן און וואַרטן.

אויב ער איז געווען אויפֿגעלייגט און שטיפֿעריש, פֿלעגט ער רעדן צו מיר פּויליש, כאָטש איך האָב אים אָפּגעענטפֿערט אויף יידיש. אַזאַ פֿאַל איז געווען, ווען איך בין צו אים געקומען איין שבת אינדערפֿרי, איידער ער איז געגאַנגען אין „פֿילהאַרמאָניע", ווו ער האָט געדאַרפֿט פֿאָרטראָגן — איך ווייס נישט צום וויפֿלטן מאָל — זיין „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק". באַלד ווי איך בין אַריין אין הויז, האָט פּרץ, דאָס מאָל שוין אַן אָנגעטוענער, מיך תיכף באַגעגנט מיט אַ טיראַדע אויף פּויליש, גערעדט הויך, געשפּאַסט, אַריינגערופֿן זיין פֿרוי און מיט איר געמאַכט שפּאַס — אויף מיין חשבון. איך האָב פּרצן איינמאָל פֿריער נישט געזען אין אַזאַ שטימונג און איך האָב זיך געפֿילט אַביסל פֿאַרלוירן, נישט געוווסט וואָס צו זאָגן און וואָס צו טאָן.

איינמאָל האָב איך אים געטראָפֿן זייער אַ נידערגעשלאָגענעם, אַ טרויעריקן. ער איז געווען פֿאַרטיפֿט אין עפּעס אַ מאַנוסקריפּט. איך בין געזעסן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און געוואַרט. פּלוצלינג האָב איך דערהערט זיין קול: „אַ שאָטן איז דעם מענטשנס לעבן". איך האָב דעמאָלט נישט געוווסט, צי ער האָט די ווערטער אַרויסגעלייענט פֿון דעם מאַנוסקריפּט, אָדער אַזוי זיי אַ זאָג געטאָן. שפּעטער האָב איך דערוווסט זיך, אַז דאָס איז די ערשטע שורה פֿון ה. ד. נאָמבערגס אַ נאָך נישט

פאַרעפנטלעכט ליד. דאָס דערמאַנט מיך, אַגב, אַז פּרץ האָט ליב געהאַט צו זינגען דאָס פאָלקס-ליד, וואָס גייט לויטן אלף־בית:

אלף איז אַן אָדלער,
וואָס טוט הויך שוועבן;
אַ שאָטן פון אַ פליגל
איז דאָס גאַנצע לעבן.

בית איז אַ הויז,
ווו מען איז געזעסן;
אַז מען רופט צום משפּט,
מוז מען אַלץ פאַרגעסן.

די יידישע יוגנט האָט זיך צו פּרצן באַצויגן מיט ליבע, מיט ממש פאַרגעטערונג. אַז ער האָט זיך באַוויזן אין דער „ליטעראַרישער אַלייע", אין זאַקסישן גאָרטן — די אַלייע, וואָס יידישע שרייבער און אינטעלי־גענטן האָבן פאַר זיך אויסגעקליבן פאַר זייערע שפּאַצירן — איז געוואָרן אַן אויפריר. ער פלעגט שפּאַצירן אַליין, אָדער מיט אַן אַנדער שרייבער, זעלטן מיט אַ גרופּע, ס'רוב פון די יונגע, און דער עולם יונגוואַרג האָט פאַר אים געמאַכט אַ וואַרע. אַמאָל פלעגט אַ מיידל אים אונטערטראָגן בלומען, וואָס זי האָט שנעל אָנגעריסן און פון אַלע זייטן האָבן זיך גע־הערט אויסרופן: פּרץ גייט! ס'האָט זיך געטראָגן פון באַנק צו באַנק און אַפילו פאָרלעך, וואָס זענען געווען פאַרנומען אין קושן זיך, האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און פּרצן באַגלייט מיט פאַרליבטע אויגן. דער אינצידענט מיטן מחזור, וואָס אַ יונגערמאַן האָט טאַקע אין יענער „ליטעראַרישער אַלייע" אונטערגעטראָגן דעם גרויסן דיכטער, נאָכדעם ווי פּרץ האָט פאַרעפנטלעכט אין „היינט" זיין באַרימטן רוף „צוריק אין שול אַריין" — איז געווען אַן אויסנאַם-פאַל. און אויך די דאָזיקע דעמאָנ־סטראַציע איז בשום-אופן נישט געווען קיין אויסדרוק פון בייזן ווילן, נאָר אַ מין ענטפער פּרצן פון אַ פאָלקס-אינטעליגענט, אַז אין דעם פּרט

אַ זינגער — האָט געמוזט עפּעס טרעפן. דאָס גרייט ער זיך טאַקע אַראָפּצופאָרן צו אים, וואָרום קיין טעלעפאָן האָט דינעזאָן נישט אין זיין בחורישן צימער, כאָטש דינעזאָן איז אַ געשעפטסמאַן, פירט אַן אַנאָנסן־ביוראָ. פּרץ לאַדט מיך איין מיטצופאָרן מיט אים. איך דערפריי זיך, וואָס איך וועל זיין פּרצעס באַגלייטער. מיר לאָזן זיך אַרויס צו דער ווינדע. אָבער דאָ באַווייזט זיך דינעזאָן. פּרץ דערפרייט זיך מיט אים, אָבער בייזערט זיך כלומרשט, וואָס ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט...

***

פּרץ איז געווען אַ לעבעדיקע לעגענדע צווישן די יידן אין פּוילן און מ'דערציילט, אַז רבנים אָדער סתם לומדים, וואָס האָבן געהאַט אַ וויכוח מכח עפּעס אַ האַרבער סוגיא, צי אפילו וועגן אַן ענין פון כשר און טריף, האָבן זיך געווענדט צו דעם „אפיקורס" פּרץ, אַז ער זאָל פּסקענען, אַזוי איינגעגלויבט איז מען געווען, אַז פּרץ קאָן אַלץ. צי אַזעלכע פאַלן האָבן באמת פּאַסירט, דאָס קאָן איך נישט קאַווירן. אָבער עס איז גענוג, אַז מ'האָט דערציילט אַזעלכע מעשיות און מ'האָט דערביי אפילו אָנגערופן די נעמען פון בארימטע רבנים, וואָס האָבן זיך געווענדט צו אים.

מיט אַזאַ פּאָפּולאַריטעט צווישן לומדי־תורה און רבנים האָט זיך בלויז נחום סאָקאָלאָוו געקענט פאַרגלייכן צו פּרץ.

***

ווען ב. ווּלאַדעק איז אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, האָט ער פון וועג — פון דער שיף — צוגעשיקט אַ סעריע קליינע פּאַראָדיעס אויף שלום־עליכם, מענדעלע, פּרץ און דוד איינהאָרן — ווי יעדער פון זיי וואָלט „באַשריבן" דעם ים. די פּאַראָדיעס זענען, ווי אַ פעליעטאָן, פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „פריינד", וואָס איז דעמאָלט שוין דערשינען אין וואַרשע. פּרץ האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון די דאָזיקע געראָטענע פּאַראָדיעס, אונטער וועלכע עס איז געווען אונטערגעשריבן איינער פון ווּלאַדעק־טשאַרנים פּסעוודאָנימען: באָניע ברכות.

גלייך אויפן אָרט, נאָכן איבערלייענען די פּאַראָדיעס, האָט פּרץ

עקספּראָמט אָנגעשריבן אַ פּאַראָדיע אויף יעקב דינעזאָנען, ווי ער וואָלט באַשריבן דעם ים. יעקב דינעזאָן, דער גרויסער בעל־רחמנות, וואָס האָט אין זיינע דערציילונגען פֿאַרגאָסן טרערן אויף דער מערכה פון יתומים און אָרימע, האָט זיך שפּעטער אַרומגעטראָגן מיט פּרצעס פּאַראָדיע, ווו דער ים איז געווען אַן אומגליקלעכער יתום, וואָס ווערט כסדר געפּייניקט, געיאָגט און געשלאָגן פון זיין שטיפמאַמע, דער שטורעם...

***

פּרץ, וואָס ער האָט אַשן אַרויסגעפירט אין דער וועלט אַריין און אומגעהויער באַגייסטערט געוועזן פון זיין טאַלאַנט, האָט פונדעסטוועגן געקוקט אויף אים מיט אומרו און זאָרג, צוליב זיין היציקן טעמפּעראַמענט און זיין רייסן זיך צו פּאָפּולאַריטעט — אפילו „אויף יענער זייט פּאַרקאַן". פּרץ האָט אויך גריילעך געוואָלט, אַז אַש זאָל צו זיין גרויסן טאַלאַנט אויך האָבן מער בילדונג, אָבער גיי מאַך עפּעס מיט אַשן...

נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָבן פּרץ און אַש באַזוכט אַ ריי יידישע קהילות, גרעסערע און קלענערע, אין גאַליציע. אין דעם שטעטל בוטשאַטש, ווו פּרץ און אַש האָבן אין אַ דאָרטיקן זאַל רעפערירט וועגן דער טשערנאָוויצער יידיש־קאָנפערענץ, איז פאָרגעקומען אַ טרויעריקער אינצידענט: בעת אַש האָט גערעדט, האָט אַ יידישער סטודענט, וויינרעב, אַ העברעאיסט, כסדר געמאַכט צווישנרופן. אַש האָט אים צוגערופן צו דער טריבונע און ווען דער סטודענט איז צוגעקומען, האָט אַש אים אַראָפּגעלאָזט אַ פייערדיקן פּאַטש.

פּרץ איז געווען אויסער זיך. אָבער ס'איז געווען פאַרפאַלן. נאָך דער פאַרזאַמלונג, ווען אַש איז אַרויס אין דרויסן, איז פון הינטן אונטערגעקומען וויינרעב און מיטן הענטל פון זיין שטעקן דערלאַנגט אַשן איבערן קאָפּ.

אַש איז אַ לענגערע צייט אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ. אויף דער באַן, פאַרלאָזנדיק בוטשאַטש, קוקט פּרץ אויף אַשן, אויף זיין באַנדאַזשירטן קאָפּ און מאַכט צו אים מיט אַ שמייכל:

— נו, איצט, אַז דו האָסט שוין אַן אָפענעם קאָפּ, וועסטו אפשר בעסער לערנען!...

**
*

אַז פּרץ זאָל אומעטום פאַרנעמען דעם אויבנאָן, איז געווען די נאַטירלעכסטע זאַך, נישט דערפאַר ווייל ער האָט זיך געשטופּט, נאָר ווייל ער איז געווען אַ דאָמינירנדיקע און דינאַמישע פּערזענלעכקייט און זיין חותם אויפן יידיש-קולטורעלן — און געזעלשאַפטלעכן — לעבן פון פּוילן איז געווען אומפאַרמיידלעך. אָבער ס'איז געווען פּונקט אַזוי נאַטירלעך, אַז אַנדערע יידישע שרייבערס זאָלן זיין איבערעמפּפינדלעך אויף זיין השפּעה און טענהן, אַז פּרץ וויל זיין אומעטום דער פירער.

די דאָזיקע איבערעמפּפינדלעכקייט האָט געפונען דעם שאַרפסטן אויסדרוק אין אַ קאַריקאַטור, וואָס דער טאַלאַנטפולער בראָדאַטי האָט פאַרעפנטלעכט אין אַ וואַרשעווער יידישער צייטונג: די קאַריקאַטור שטעלט־פאָר אַ קאַרעטע, ווו פּרץ איז סיי דער אַנטרייבער, סיי דער פּאַסאַזשיר, סיי דאָס פערד...

אין די יידישע שרייבער-קרייזן איז מען זיכער געווען, אַז פּרץ וועט זיך פילן שטאַרק געטראָפן און געקרענקט. אָבער דינעזאָן האָט דערציילט, אַז פּרץ האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון דער קאַריקאַטור און געלויבט בראָדאַטין פאַר דער פיינער צייכענונג. דערביי האָט דינעזאָן מוסיף געווען, אַז מכוח דעם עצם געדאַנק פון דער קאַריקאַטור האָט פּרץ געזאָגט:

— דאָס איז אַ גרויסער קאָמפּלימענט. אַ יידישער שריפטשטעלער, וואָס איז באמת אויסן די אינטערעסן פון פאָלק, דאַרף אויך זיין גרייט זיך איינצושפּאַנען אין וואָגן, ווערן אַ פערד, אויב נויטיק.

**
*

מ'האָט אַ סך געשריבן וועגן פּרץ דעם מחבר פון די פאָלקסטימלעכע געשיכטן, וועגן פּרץ דעם פּאָעט, פּרץ דעם עסייאיסט און פּובליציסט, אָבער כמעט גאָרנישט וועגן פּרץ דעם הומאָריסט, פעליעטאָניסט און סאַטיריקער.

איך מיין נישט דאָ בלויז דעם עלעמענט פון הומאָר, וואָס איז דאָ אין זיינע פאָלקסטימלעכע געשיכטן, אפילו אין זיינע חסידישע מעשיות,

נאָר די הונדערטער שפּאַסיקע זאַכן, הומאָריסטישע פעליעטאָנען און לי־דער, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט — אונטער פאַרשידענע פּסעוודאָנימען.

פּרץ איז אָבער גערן געווען אָפּצוגעבן מער צייט פאַר הומאָר, מיט־אַרבעטן אין הומאָריסטישע זשורנאַלן, נאָר ווייזט אויס, אַז די רעדאַק־טאָרן פון הומאָריסטישע זשורנאַלן איז נישט איינגעפאַלן — אָדער זיי האָבן נישט דערוועגט זיך — איינצולאַדן פּרצן מיטצואַרבעטן.

אין 1912 האָט מאיר גראָסמאַן, דער באַקאַנטער יידישער זשורנאַ־ליסט (אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַ רעוויזיאָניסטישער פירער), אָנגע־הויבן אַרויסצוגעבן אין בערלין אַ יידיש-הומאָריסטישן זשורנאַל „דער אשמדאי". איך האָב געוויזן פּרצן די איינלאַדונג, וואָס איך האָב באַ־קומען פון גראָסמאַנען, מיטצואַרבעטן אין זיין זשורנאַל.

פּרץ האָט געשמייכלט און מיר, דעם יונגן בחורל, אַ זאָג געטאָן: „אפשר קענט איר מיר געבן אַ רעקאָמענדאַציע צו גראָסמאַנען, אַז ער זאָל מיך אָננעמען פאַר אַ מיטאַרבעטער?"

איך האָב זיך אַ ביסל פאַרלוירן פון פּרצעס שפּאַס. אין אַ שטיקל צייט אַרום, בעת איך בין געווען אין בערלין, האָב איך גראָסמאַנען דער־ציילט וועגן פּרצעס שפּאַסיקער באַמערקונג און אים געראָטן איינצולאַדן פּרצן מיטצואַרבעטן. צי ער האָט עס געטון, ווייס איך נישט. סיי־ווי האָט דער „אשמדאי" געהאַט קורצע יאָרן — חדשים, מיין איך...

**
*

אַ זיידענער, חסידישער יונגערמאַן, אַ זונדל פון אַ רייכער פאַמיליע, וואָס האָט פאַרמאָגט עטלעכע מויערן אויף מוראַנאָווסקע גאַס און אויף אַנדערע גאַסן פון דער יידישער געגנט — האָט דווקא געוואָלט ווערן אַ יידישער שרייבער. ער האָט באַוואָרפן מיט מאַנוסקריפּטן די יידישע צייַ־טונגען, צווישן זיי דעם „מאָמענט", ווו איך בין געווען סעקרעטאַר און ס'איז געווען מיין חוב צו לייענען מאַנוסקריפּטן, זיי רעקאָמענדירן דעם רעדאַקטאָר (צבי פּרילוצקי), אויב זיי האָבן געטויגט, און דערנאָך זיי רעדאַגירן; אָדער צוריקווייזן דעם כתב-יד, אויב איך האָב עס געהאַלטן פאַר גראַפאָמאַניע.

דער דאָזיקער חסידישער יונגערמאַן האָט זיך צו מיר צוגעקלעפּט, מיך פאַרבעטן צו זיך אין הויז אַריין, מיר צוגעזאָגט אַ פיינע באַלוינונג פאַר איבעראַרבעטן זיינע „זאַכן" און אים מאַכן פאַר אַ שרייבער. איינמאָל האָט ער מיר געבראַכט אַ מעשה „משה רבינוס טויט", געבויט אויף אַ מדרש-לעגענדע, וואָס איז געווען גאָרנישט שלעכט. איך האָב דעם מאַנוסקריפּט אַ ביסל באַאַרבעט און אים געראָטן צו גיין דערמיט צו פּרצן.

דער יונגערמאַן, וועמען איך און אַנדערע באַקאַנטע זיינע פלעגן רופן „דער בורזשוי" (זיין נאָמען, ליידער, פאַרגעסן) איז אַוועק צו פּרצן אין דער קהלה-שטוב, אין דער מתים-אָפּטיילונג, וווּ פּרץ האָט געאַרבעט. פּרץ איז געווען צו־שטאַרק פאַרנומען און אים געהייסן קומען אַן אַנדערמאָל. אַזוי איז ער געקומען עטלעכע מאָל און פּרץ איז אַלץ געווען פאַרנומען, ביז איינמאָל האָט ער אים געהייסן אַרויפקומען צו אים, פּרצן, אין דער דירה אַריין, נאָך 3 נאָכמיטאָג.

דער „בורזשוי" איז אַ גליקלעכער אַוועק צו פּרצן. נאָכדעם ווי פּרץ האָט איבערגעלייענט דעם מאַנוסקריפּט, האָט ער אַ קוק געטאָן דעם מחבר אין פּנים אַריין און אים געזאָגט:

— איר האָט גוט געטון, וואָס איר זענט לכתחילה געקומען אין דער מתים־אָפּטיילונג פון דער גמינע. אַ שאָד, וואָס איך האָב אייך געהייסן קומען אַהער... וואָרום אייער מעשה געהער צום מתים־שטיבל. איר האָט באַגראָבן אַ גוטע טעמע. ביז אַהער האָט מען נישט געוווּסט וווּ משהס קבר געפינט זיך. איצט ווייס איך.

אָנשרייבנדיק פּ"נ (פּה נקבר) אויפן מאַנוסקריפּט, האָט ער אים דעם יונגנמאַן צוריקגעגעבן און אים צוגעפירט צו דער טיר...

ווען דער „בורזשוי" האָט מיר איבערגעגעבן פּרצעס רייד, האָב איך געטראַכט, אַז פּרץ איז צו-שאַרף געווען. איך האָב אים געטרייסט, נישט אַראָפּצופאַלן ביי זיך און ווייטער פּראָבירן זיין מזל.

דער „בורזשוי" האָט דעם מאַנוסקריפּט דאַן אַוועקגעשיקט קיין ניו-יאָרק, צו ד"ר חיים זשיטלאָווסקין — און זשיטלאָווסקי האָט „משה רבינוס טויט" אָפּגעדרוקט אין „דאָס נייע לעבן" (אין 1911 אָדער 1912).